NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13256

FAR KINDER

B. Gutianskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פאר קינדער

שול־ביבליאָטעק

ב. גוטיאנסקי

פֿאַר קינדער

געמ. ו. ליטווינענקאָ

MICROFORM

מעלוכע פֿאַרלאַג
פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוססר
קיִעוו — 1940 — לוואָוו

13/42414

וואָס זאָל איך ווערן

איך דריי מיר דעם קאָפּ
און איך דריי מיר און דריי...
אָטאָ־טאָ דאַרף איך גיין
אין דער רויטער ארמיי,
און איך קאָן ניט באַטראַכטן
און קאָן ניט באַקלערן,
וווּהין זיך צו בעטן
און וואָס זאָל איך ווערן.

אַז אין פלאָט גלוסט זיך זיַין!
א פּילאָט גלוסט זיך זיַין!
זאָל איך ווערן א סניַיפּער?
ס'וואָלט אויך געווען פיַין.

—

א טאַנקיסט — איז א זאַך!
א ראַדיסט — איז א זאַך!
און סע ציט צו דער גרענעץ
צו האַלטן די וואַך!

אַרטילעריע ז׳גוט!
קאַוואַלעריע ז׳גוט!
זאָל איך וויסן
פֿון בייז,
ווי איך ווייס,
וואָס מע טוט.

אומעטום ווען מע מעג,
אומעטום ווען מע קען, —
כאַפּ נעם
און צערײַס זיך
אַף צען!

—

טרעט א ראָטע רויטארמייער

טרעט א ראָטע
רויטארמייער
אפן שניי, —
איינס, צוויי!

סקריפּעט אָפּ
און סקריפּעט אונטער
אונטער זיי, —
איינס, צוויי!

און דער כאַוועך
און דער בּראַוועך
קאָמאַנדיר, —
דריַ, פיר!

הויך געוואַקסן,
בּרייטע אַקסל,
שפּאַנט אַפּריִר, —
דריַ, פיר!

טרעט אַ ראָטע
רויטאַרמייער
מיט געזאַנג,
מיט געזאַנג.

זינגט מען בּרוסטיק,
פרייליך, לוסטיק
איז דער גאַנג,
איז דער גאַנג.

טרעט אַ ראָטע
רויטאַרמייער...
— ראָטע־ע,
שטיי!
...איינס, צוויי!

דער פּראָזשעקטאָר

בּרענענ אויגנ באַמ פּראָזשעקטאָר,
בּאַלד געפינט ער, בּאַלד דערשמעקט ער,
טוט א שטראַל די נאַכט א שניט,
זעט דעמ סוינע, ווי ער פליט.

דער פּראָזשעקטאָר ט׳אימ געפּאַקט,
דער האַרמאַט האָט אימ צעקנאַקט,
אפּ פּיצ־פּיצעלעכ צעבּראָכנ, —
אַלעמיַ איז ער געקראָכנ?!



כ'האָב קײנ רעבנ

כ'האָב קײנ רעבנ
אפ מײַנ לעבנ
ניט געהאט
אונ ניט געזענ
אינ מײַנע אויגנ, —
זײער װײל!
נאָר פֿונ ביכער
װײס איכ זיכער:

ס'איז געווען
אזא מין פויגל —
אוי, א קאַם!
איַי, א גרויל!

אז מייַן זיידע
רעדט פון כיידער,
איז מיט אימפעט,
און מיט צאָרן,
און מיט היץ:
— עך, — זאָגט ער, —
יאָרן, יאָרן...
אך, — זאָגט־ער, —
קינדער, קינדער...
ס'ליגט מיר נאָך
אין טאַם אצינדערט:
אוי, קלעפּ!
ווײַ, שמיץ!

כ'האָב אליין
געזען א קאַנטשיק
דאָ ניט לאַנג,
א וואָכן צוויי,
אין א קעסטל
א געגלעזטן
אפּ פּעטשערסק
אין א מוזיי.

מיך האָט קיינער
ניט געשמיסן,
ניט געלייגט מיך
אַף קיין באַנק, —
ווײַל איך,
סטאַלין
זאָל דאָס וויסן,
זאָג איך
סטאַלינען:
א ד א נ ק !



קראַלעוויאַקע

(מאַריאָנעטנ־שפּיל)

ס'נעמענ אָנטײל:

דער פּאָרעצ קראַקעוויאַקע — א גראָבער, מיט א לאַנגער באָרד, מיט לאַנגע וואָנציעס, אָנגעטאָנ אינ א ראָק אונ א היטל מיט צוויי דאַשעקעס.

טעקלע די דינסט — דינט באַם פּאָרעצ.

מאַדאָסי דער וועכטער — דינט אויכ באַם פּאָרעצ.

ארטשיק — אַנ אָרעמ ייִנגעלע.

שיינדעלע דרײַקאָפּ — א קלוג מיידעלע, וווינט מיט ארטשיקנ אָפּ איינ נאָס.

10 יאַטנ — וווינענ אויכ אָפּ ארטשיקס נאָס.

(סע קומט פאָר באַם פּאָרעצ אינדערהיימ. דער פּאָרעצ זיצט באַם טיש אונ עסט. אָפּנ טיש זײַנענ אָנגעשטעלט אלערליי גוטע זאַכנ צומ עסנ אונ צומ טרינקענ. לעבנ פּאָרעצ שטייט א גלאָק אָפּ צו רופנ די דינער).

פּאָרעצ:

— טײַבעלעכ געבראָטענע
מיט קײלעטשלעכ געראָטענע,
א כאַזערל א פּערטעלע
אונ בראָנפנ אינ א קווערטעלע,

וואַרעניקעס געזאָרענע
אין סמעטענע געבאָרענע,
און גוטע פיש איז אויכעט דאָ —
געפילטע און געראויכערטע.
איך עס און פרעס און טו מיר וויל,
צום טרינקען בין איך אויך ניט פויל.
סע איז אַפּ מיר דאָס העמד אזש נאַס,
קוקט מיך אָן — איך בין אינקאַס!

(טוט א כאַפּ אין דער רעכטער האַנט דעם גלאָז, אין דער לינקער א לעפל, קלינגט מיטן גלאָז, טרייסלט מיטן לעפל און שרייט):

— טעקלע די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ-דזינ) טעקלע די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ) צוואַנציק מאָל דאַרף מען דיך רופן?!

טעקלע (לויפט אַריין א דערשראָקענע): איך בין דאָ! איך הער! פּאַרעץ, וואָס איז דיין באַגער?

פּאַרעץ: אזוי דערלאַנגט מען א פּאַרעץ עסן?! נו, און שמאַלץ האָסטו פאַרגעסן?!

טעקלע: וואַסערע, וועלכע טוט דער פּאַרעץ פאַרלאַנגען? גענדזענע צי הינערשע? זאָג, וועל איך דערלאַנגען.

פּאַרעץ: וואָס פאַר א „וואַסערע"?! וואָס פאַר א „וועלכע"?! א טעפּעלע אַזוינע און א טעפּעלע אַזעלכע. גיכער לויף און ברענג צו טראָגן! טויזנט מאָל דאַרף מען דיר זאָגן?!

טעקלע: גוט, פּאַרעץ, גוט, אָט־אָ ברענג איך די מינוט.

(גייט אַרויס)

פּאַרעץ (קלינגט ווייטער): טעקלע די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ-דזינ) טעקלע די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ) דרייסיק מאָל דאַרף מען דיך רופן?!

טעקלע (לויפט אַריין): איך בין דאָ! איך הער! פּאַרעץ, וואָס איז דיין באַגער?

פּאָרעץ: וואָס געדויערט אזוי לאנג?! הא־א־א?! כ׳שריַי און קלינג, און שריַי און קלינג — מיינסט, ס׳איז גרינג?! לויף און ברענג מיר קאלטן קוואס, — כ׳בין אין קא־א־אס!

טעקלע: גוט, גרויסער פּאָרעץ, גוט, אָטאָ ברענג איך, די מינוט!

(גייט ארויס).

פּאָרעץ (טוט א קוק אין פענצטער, דערזעט עפּעס, כאַפּט ווידער דעם גלאָק, קליַינגט): טעקלע די דינסט! טעקלע די דינסט! פערציק מאָל דארף מען דיך רופן?

טעקלע (לויפט אריַין): איך בין דאָ! איך הער! פּאָרעץ, וואָס איז דיַין באגער?

פּאָרעץ (וויַיזט אין פענצטער): זעסט א יינגעלע אָ דאָרטן, לעבן פּירטקעלע באַם גאָרטן? ער וויל, דאכט זיך, אופשליסן דאָס קיטעלע? ער וויל, דאכט זיך, אויסריַיסן א קווייטעלע? גיב דאָ אכטונג, די קאץ זאָל גאָרניט לעקן. דערלאנג מיר גיך דעם גראָבן שטעקן! כ׳מוז אים כאפּן, דאָס געמיינע גאנעפּעצל! כ׳וועל אים פּאקן און אין קעלער אים פּאָרזעצן!

(כאַפּט דעם שטעקן, לויפט ארויס).

טעקלע (קוקט אין פענצטער, ברעכט די הענט): פינצטער, וויסט איז מיר און ביטער! ווי א ווילדע כיַיע פליט ער... (פּאוזע) אָנגעכאפּט דאָס קינד באַם רעקל!.. אוי, אָט הייבט ער אוף דעם שטעקן!.. אוי, אָט דרייט ער אים אַן אויער! אוי, אָט שלעפּט ער אים אין טויער!.. און דאָס יאטל, נעבעך, ריַיסט זיך, שלאָגט זיך, בריקעוועט זיך, בײַסט זיך!.. (ס׳דערהערט זיך א ראַש הינטער די קוליסן. ס׳גייט אריַין ארטשיק, וויינט, דערנאָך קומט אריַין דער פּאָרעץ, בייז. דאָס היטל מיט די דאשעקעס — אין דער זיַיט).

פּאָרעץ (צו ארטשיקן): וועסט מיר קריכן אין גאָרטן וועסטו מיר קריכן?! וועסט מיר ריַיסן קווייטן וועסטו מיר ריַיסן?!

ארטשיק:

איַי, דו שלעכטער פּאָרעץ, פּראָשעפּאַן!
כ׳בין צו דיר אין גאָרטן ניט געגאַן!

כ'האָב נאָר אַזוי געקוקט אין א שפּאַרונע
אָפּ די שיינע רויזן מיט די בּלומען...

פּאָרעץ: ווער האָט דיר דערלויבט צו קוקן אָפּ מײַנע רויזן ? ! ווער האָט דיר דערלויבט צו קוקן אָפּ מײַנע קווייטן?! טעקלע, לויף גיך און שיק מיר אַרײַן טאַדאָסי דעם וועכטער! (טעקלע ווישט די אויגן מיטן פאַרטעך, גייט אַרויס, דער פּאָרעץ קלינגט און שרײַט) טאַדאָסי דער וועכטער! (דזין - דזין - דזין - דזין) טאַדאָסי דער וועכטער! (דזין - דזין - דזין - דזין) פּופּציק מאָל דאַרף מען דיך רופן ?!

טאַדאָסי (קומט אַרײַן, בלײַבט שטיין בּא דער טיר):

איך בין מיר א וועכטער,
א בייזער און א שלעכטער,
דעם פּאָרעץ א גוט־מאָרגן! (נייגט זיך)
דעם פּאָרעץ א גוט־נעכטן! (נייגט זיך)
וואָס פאַרלאַנגסטו, שיינער פּאָרעץ?

פּאָרעץ:

איך בין מיר א פּאָרעץ פּראַשעפּאַנע,
נעם דאָס יינגעלע צו פונדראַנע. (ווײַזט אָפּ אָרטשיקן)
ער האָט מיר צעטראָטן
די בייטן מיט די קווייטן,
כאַפּט אים און נעמט אים
און קאָוועט אים אײַן קייטן!

(טאַדאָסי טוט זיך א לאָז צו אָרטשיקן. אָרטשיק צעוויינט זיך שטאַרק. ס'לויפט אַרײַן טעקלע א פאַרטאָפּעטע).

טעקלע: אַן אומגליק א גרויסער! אַן אומגליק א גרויסער! אַן אומגליק א גרויסער!!

פּאָרעץ (שטאַרק דערשראָקן): וואָס איז געשען, טעקלע, גיכער!

ט ע ק ל ע (מיט א וויינענדיק קאָל):

א גרויסער אומגליק האָט געטראָפן,
דאָס רויטע ביקל איז אַנטלאָפן!
וועכטער, וועכטער, נעם א שטריקל,
גיכער לויף און כאַפּ דאָס ביקל!

ט אָ ד אָ ס י:

אָט נעם איך באלד א שטריקל,
אָט כאַפּ איך באלד דאָס ביקל,
אָט קום איך באלד צוריק —
און מאַך דעם יינגל „ביק"! (לויפט ארויס).

פּ אָ ר ע צ (צעלאכט זיך שטארק): אהא — כא־כא־כא־כא־כא! אהא — כא־כא־כא־כא־כא־כא! (בייז) א האק אין די זייטן, א פּיק אינעם שארבן — פריער זאָל ער כאלעשן און נאָכדעם זאָל ער שטארבן!

(ארטשיק וויינט. דער פּאָרעץ רייצט זיך: אהא! אהא!)

ט ע ק ל ע: פּאָרעץ דו שיינער, גנעדיקער! איך קען אים, דעם אויס־ווורף, דעם שעדיקער! (ווײַזט אָפּ ארטשיקן) איך וויל אים א קאַפּעלע שלאָגן, ער זאָל שוין א צענטן פארזאָגן!

פּ אָ ר ע צ: בּיטע, טעקלע, פּיטע, טעקלע, וייער פּיַין — מעגסט אים שלאָגן, וויפל ס'וועט אין אים ארייַן!

(טעקלע פארקאטשעט די ארבל, טוט זיך א לאָז מיט נעפּייַלטע פויסטן. ארטשיק ווערט דערציטערט).

ט ע ק ל ע (מיט כאס): אזא גאנעוו א קליינער! אזא גאנעוו א געמיינער! (שטילערהייט צו ארטשיקן) איך וועל דיך קלוימערשט שלאָגן, און דו זאָלסט קלוימערשט וויינען... (רוקט אים ארייַן א שטיקל בולקע אין האנט אריַין) נא! נא! (שלאָגט אים קלוימערשט, שטילערהייט) דאָס האָב איך דאָס ביקל ארויסגעלאָזט אומיסטן, ארויסגענארט פונדאנען דעם וועכטער אָט דעם וויסטן... איצטער, יינגעלע, מאָל מיר אויס, וווּ סע איז דייַן טאַטנס הויז, וועל איך לויפן און געבן צו וויסן, אז מע וויל דיך אין קייטן פארשליסן...

ארטשיק: אפ די טאַרטאַקעס, לעבנ שליאַכ...

טעקלע: נו?

ארטשיק: שטייט א שטיבל אָנ א דאַכ...

טעקלע: נו, נו?

ארטשיק: וווינט דאָרט א מיידעלע, שיינדעלע דרייקאָפּ...

טעקלע: נו, יאָ?

ארטשיק: לויפ־זשע אוועק צו שיינדעלענ טייקעפּ...

טעקלע: יאָ?

ארטשיק: אונ דערצייל איר אקוראט...

טעקלע: נו־נו?

ארטשיק: וויאַזוי דער פּאָרעצ האָט געכאַפּט א יאַט...

טעקלע: ווײ איז מיר! נו?

ארטשיק: מע וויל אים הארגענענ אונ קאַטעווענ...

טעקלע: יאָ?

ארטשיק: שוינ זאָל זי קומענ מיכ ראַטעווענ!

טעקלע (פרייליכ): ראַטעווענ! (שלאָגט אים קלוימערשט) נא! נא!
(שטילערהייט) אָטאָ לויפ איכ, מיטנ קוק!

פּאָרעצ: אָנגעשמיסנ?! אהא! איצטער וועסטו וויסנ! גיי, טעקלע,
שיק מיר שוינ אַרײַנ דעם וועכטער! (טעקלע לויפט ארויס, דער פּאָרעצ כאַפּט
דעם גלאָק, קלינגט): טאָראָסי דער וועכטער! טאָראָסי דער וועכטער!
זעכציק מאָל דארפ מענ דיכ רופנ?

טאָראָסי (לויפט אַרײַנ):

איכ בינ מיר א היטער
אנ אלטער, א געניטער,
איכ האָב מיר אנ אראַפּניק
מיט פײַערדיקע ריטער.

פּאָרעצ (ווײַזט אפ ארטשיקנ): נעם אים!

טאַדאָסי: קום־זשע, ייִנגעלע, שנעלער, כ'וועל דיכ פאַרשפּאַרנ אינ קעלער!

(ארטשיק גייט ארויס מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ. נאָכ אים — טאַדאָסי דער וועכטער).

פּאַרעצ (נעמט זיכ ווידער צום עסנ):

טײַבעלעכ געבראָטענע
מיט קיילעטשלעכ געראָטענע,
א כאַזערל א פערטעלע
אונ בראָנפנ אינ א קווערטעלע,
וואַרעניקעס געזאָדענע,
אינ סמעטענע געבאָדענע,
אונ גוטע פיש איז אויכעט דאָ —
געפילטע אונ געריוכערטע.

(פאַרמאַכט די אויגנ, ביינט אָנ דעם קאָפּ, בורטשעט, אַזוי ווי פונ שלאָף).

איכ עס... אונ פרעס... אונ טו מיר וויל...
צום טרינקענ בינ איכ אויכ ניט פויל...

(כראָפּעט).

(ס'לויפט ארײַנ שיינדעלע דרייקאָפּ מיט א שטעקנ אינ האַנט אונ א ליידיקנ זאַק אָפ די פּלייצעס, קוקט א ווײַלע אָפנ פּאַרעצ).

שיינדעלע (צום זאַל, שטיל): טעקלע איז נאָרוואָס בא מיר געווענ אונ האָט מיר דערציילט, וואָס דאָ איז געשענ. האָב איכ געבראַכט מיט זיכ יאַטנ א כאַפּטע. באַלד וועט איר זענ, וואָס איכ וועל אים אָפּטאָנ... איכ בעט אײַכ, אַזוי ווי איר זיצט, זאָלט איר זיצנ — קוקט, וויאַזוי שיינ־דעלע טוט אָפּ א שפּיצל!.. אונ דעם וועכטער, אָט דעם הענקער, וועל איכ אויכ מיסטאָמ ניט שענקענ! (לויפט צו צום פּאַרעצ, שרײַט אים ארײַנ אינ אויער): קוקורע — קו־ו־ו!

פּאַרעצ (כאַפּט זיכ אויפ, צעשראָקנ): ווער איז? וואָס איז? ווער ביסטו? וואָס דאַרפסטו?

שיינדעלע:

איכ בינ שיינדעלע באראנבוץ,
כ'ווינטש דעם פּאָרעצ אלדאָס גוטס! (נייגט זיכ)
כ'בינ געגאנ אפ די טארטאקעם,
כ'האָב באגעגנט צענ באטראקעם,
צענ יונגאטשעם, ווי די ריזנ,
מיט אזוינע לאנגע שפּיזנ,
פּערד, ווי אָדלערס, פאר די לייצעם,
אונ מיט באָמבעם אפ די פּלייצעם!

פּאָרעצ (טוט א ציטער): שיינדעלע, שיינדעלע, זאָג מיר גיכ: עפּשער מיינענ זיי גאָר מיכ?

שיינדעלע:

גייט ארויסעט א יונגאטש
מיט א גרויסנ קאָלאָדאטש
אונ ער מאכט צו מיר אזוי:
— אוי - אוי - אוי - אוי - אוי - אוי - אוי!
ס'איז פאראנענ דאָ, פאראנענ
אזא פּאָרעצ פּראָשעפּאנע,
וועלנ מיר דעם פּאָרעצ פאקנ
אונ צעפּליאסקענ אימ די באקנ,
מיט די שפּיזנ אימ צעשטעכנ
אונ די ביינער אימ צעברעכנ,
אונ דערנאָכדעמ אימ באגראָבנ —
קיינער דארפ אימ דאָ ניט האָבנ!

פּאָרעצ (ציטערט): מײַנ הארצ טוט מיר פלאטערנ אונ ציטערנ — איכל האָבנ א סאָפ א ביטערנ! מײַנ הארצ טוט מיר ציטערנ אונ פלאטערנ — די יונגאטשעס וועלנ מיר דאָס לעבנ פאטערנ! (וויינט).

שיינדעלע:

איך בין שיינדעלע באַראַנבוץ,
איך ווינטש דעם פּאַרעץ אַלדאָס גוטס!
א גוטן טאָג (נייגט זיך, לאָזט זיך אוועקגיין).

פּאַרעץ:

שיינדעלע, שיינדעלע, איַי־איַי־איַי־איַי־איַי,
איך וויין און קלאָג און שריַי־יַי־יַי־יַי־יַי,
אַף וועמען לאָזטו מיך איבער? שטיי, שטיי, שטיי, שטיי, שטיי,
גיב־זשע מיר א קלוגע אייצע, וויי־וויי־וויי־וויי־וויי!

שיינדעלע (קערט זיך אום, נעמט אראָפּ דעם זאַק* פון די פּלייצעס, עפנט אים).
גרויסער פּאַרעץ קראַקעוויאַקע, קריך אַרײַן צו מיר אין זאַקע! די יונ־גאַטשעס וועלן קומען, וועל איך זאָגן, ס'איז א קלומעק מיט אוגערקעס מיט גרינע, — וועט דיך קיינער ניט געפינען...

פּאַרעץ: שיינדעלע, איך בין דאָך אָבער גראָב!.. קריכן מיט די פיס, צי קריכן מיטן קאָפּ?

שיינדעלע: טאַק טאַטשנאָ, בראַוואָ בים — פריִער מיטן קאָפּ, דערנאָך מיט די פיס!

פּאַרעץ: און דאָס היטל מיטן ראָק זאָל איך עפּשער אויסטאָן, זאָג!

שיינדעלע: טאַק טאַטשנאָ, גיכער, גיך, נעם שוין טו זיך אויס און קריך!

(דער פּאַרעץ טוט אויס דאָס היטל מיטן ראָק, הייבט אָן קריכן אין זאַק אַרײַן, טוט זיך א כאַפּ צוריק).

פּאַרעץ: שיינדעלע! האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז איך האַלט איג־מיטן עסן?

שיינדעלע: נאַ דיר א ווארעניק און בולקע א פּיַדע, וועסטו דאַרטן עסן, הײַדאַ! (דערלאַנגט אים) ט'איז אין זאַק פאַראַן א לאָך, וועל איך דיר דערלאַנגען נאָך.

---

* אַפן דנאָ פונעם זאַק איז דאָ א לאָך; ווערליק סיזאָל קאָנען דורך א קאָפּ פון א מענטשן.

(דער פּאָרעץ בײַסט די בולקע און קריכט אין זאַק אַרײַן).

שיינדעלע:

אונדזער פּאָרעץ קראַקעוויאַקע
עסט אַ בולקע אַ געשמאַקע,
שורעם־בורעם־בערעם־באַר,
אונדזער פּאָרעץ איז אַ נאַר...

(דער פּאָרעץ כאַפּט ווידער אַרויס דעם קאָפּ, ווערט אינכּאַס, פּאַטשעט מיט די פויסטן).

פּאָרעץ: וואָס האָסטו געזאָגט אַפֿן גרויסן פּאָרעץ ? ! וואָס האָסטו געזאָגט אַפֿן שײנעם פּאָרעץ ?!

שיינדעלע:

וואָס האָב איך דען געזאָגט ? כ'האָב געזאָגט :
אונדזער פּאָרעץ קראַקעוויאַקע
עסט אַ בולקע אַ געשמאַקע...

פּאָרעץ: און ווײַטער ? און ווײַטער ?

שיינדעלע: שורעם־בורעם־בערעם־באַר...

פּאָרעץ: ווײַטער ? ווײַטער ?

שיינדעלע: אונדזער פּאָרעץ איז... אַ גרויסער האַר !

פּאָרעץ (צופֿרידן): אָט אַזוי האָב איך דיך ליב ! נו, האַלט צו דעם זאַק, וועל איך קריכן.

(דער פּאָרעץ קריכט אַרײַן אין זאַק אַרײַן. שיינדעלע פֿאַרבינדט דעם זאַק מיט אַ שטריקל, טוט אַ פֿײַף, ס'דערהערט זיך אַ ראַש הינטער די קוליסן).

שיינדעלע: אוי, אינדרויסן איז עפּעס זייער ראַשיק, די יונגאַטשעס שטייען שוין אַפֿן פּידאַשעק. זאָלסט מיר ליגן אונטערן טיש! זאָלסט מיר שווײַגן, ווי אַ פֿיש! דו הערסט ?

(קאַטשעט אַרונטער דעם פּאָרעץ אונטערן טיש).

(די 10 יונגאַטשעס קומען אַרײַן, זינגען):

באָמטשיקל, באָמטשיקל, קאָנפּאָפּעליע,
צען יונגאַטשעס ביז דער סטעליע.
זאַסאַדי, זאַסאַדי,

קייסער, קייסער, פּאַסמאַטרי,
אר־ווא, פּאַנישקא,
טרי קאָפּייקי דאַנישקא,
כאַפּט אים, קלאַפּט אים, באַראַבאַראַבאַן.
ווו איז דער פּאַרעץ פּראַשעפּאַן ? !
ווו איז דער פּאַרעץ פּראַשעפּאַן ? !
ווו איז דער פּאַרעץ פּראַשעפּאַן ? !

(שיינדעלע נעמט ארויס פון קעשענע א באָרד מיט וואָנציעס, פונקט אזעלכע, ווי באַם פּאַרעץ, טשעפּעט עס צו, טוט אָן דעם פּאַרעצס היטל מיט די צוויי דאַשעקעס און דעם ראָק, שטאָפּט זיך אָן א גראָבן בויך, זעצט זיך צום טיש, נעמט דעם גלאָק און קלינגט).

שיינדעלע: טאַראַסי דער וועכטער! (דזינ־דזינ־דזינ) טאַראַסי דער וועכטער (דזינ־דזינ־דזינ) צוואַנציק מאָל דאַרף מען דיך רופן?!

טאַדאָסי (קומט אריין):

איך בין מיר א וועכטער,
א בייזער און א שלעכטער,
דעם פּאַרעץ א גוט־מאָרגן ! (נייגט זיך)
דעם פּאַרעץ א גוט־נעכטן ! (נייגט זיך)
וואָס פאַרלאַנגסטו, גרויסער פּאַרעץ ?

שיינדעלע: איך, דער פּאַרעץ מיט דער לאַנגער באָרד, באַפעל דיר מיטן הארבן וואָרט: באַלד זאָלסטו מיר ברענגען צו פירן דאָס יינגעלע, וואָס כ׳האָב געטאָן ארעסטירן!

טאַדאָסי: פּאַרעץ, איך פאָלג דיין באַפעל דעם שטרענגן, באַלד וועל איך דיר דאָס יינגעלע ברענגען.

(גייט ארויס)

שיינדעלע:

איך בין מיר א פּאַרעץ פּראַשעפּאַנע,
אוי, דאָס הארץ איז אונדז פאַרכליאַנעט,
לאָמיר נעמען און פאַרזוכן
אָטאָ דעם אָ שיינעם קוכן !

(נעמט די טאַץ מיטן קוכן, טיילט די יונגאטשעס).

נא דיר, נא דיר, נא דיר, נא דיר...

(די יונגאטשעס קײַען. דער וועכטער פירט אַרײַן ארטשיקן).

שיינדעלע: איצטער, טאדאסי, באפעל איך, גיב מיר דעם שליסל פון קעלער!

טאדאסי: וואס דו וועסט באפוילן, וועסטו בא מיר פוילן! (גיט שיינ-דעלען דעם שליסל).

שיינדעלע (גיט איבער דעם שליסל ארטשיקן און דעם שטעקן אויך): איצטער באפעל איך דיר, ארל, דו זאלסט דעם וועכטער פארשפארן דארט, ווו דו ביסט געזעסן, און קום צוריק, וועלן מיר עסן.

(ארטשיק איז שטארק פארוווּנדערט, נעמט דעם שטעקן אפן רעכטן אקסל. פיר יונגאטשעס שטעלן זיך אויס, אזוי ווי א קאנווי, און מע פירט ארויס דעם וועכטער. דער וועכטער גייט ארויס מיט אן אראפגעלאזטן קאפ).

שיינדעלע (קלינגט): טעקלע די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ-דזינ) די דינסט! (דזינ-דזינ-דזינ-דזינ) טעקלע (דזינ-דזינ-דזינ) דרײַסיק מאל דארף מען דיך רופן?!

(טעקלע לויפט אַרײַן, ארטשיק מיט די יונגאטשעס אויך).

טעקלע: איך בין דא! איך הער! פארעץ, וואס איז דײַן באגער?

שיינדעלע (טוט א שלײַדער דאס היטל. רײַסט אראפ די בארד. אלע שיסן אויס א געלעכטער). איך באגער, איך באגער, איך באגער, זאלסט זיך זעצן אט אהער! (ווײַזט איר אן ארט באם טיש לעבן זיך. צו אלעמען): עסט, מײַנע ליבע געסט!

(די יונגאטשעס און ארטשיק שטעלן זיך אויס ארום טיש און מע עסט. דערנאך סוידעט מען זיך א ביסל און מע הייבט אן זינגען).

שיינדעלע (קלינגט אין גלאס, אזויווי אפ א סרייפע): באם, באם, באם, באם, באם...

טעקלע און ארטשיק: דזשולײַ, דזשולײַ, דזשולײַ, דזשולײַ...

2 יונגאטשעס: סע ברענט, סע ברענט, סע ברענט, סע ברענט!

נאך 2 יונגאטשעס: ווו-ווו? ווו-ווו? ווו-ווו? ווו-ווו?

נאך 2 יונגאטשעס: באם פארעץ, באם פארעץ, באם פארעץ, באם פארעץ...

נאָכ 2 יוננאטשעס: אפנ בוידעמ, אפנ בוידעמ, אפנ בוידעמ, אפנ בוידעמ...

נאָכ 2 יוננאטשעס: געוואלד! געוואלד! געוואלד! געוואלד!

פּאָרעצ (קריכט ארויס פונ אונטערנ טיש, שטעקט ארויס דעמ קאָפּ פונעמ זאק, שריַיט):

פּאָ־זשא־א־א־אר!

שיינדעלע (טומ אימ אָנ דאָס היטל מיט די צוויי דאשעקעס): ביסט א נא־א־א־אר!

פּאָרעצ: סע ברע־ע־ע־ענט!

ארטשיק: קריכ אפּ די גליַיכע ווע־ע־ע־ענט!

פּאָרעצ: וואסע־ע־ע־ער!

אלע (נעמענ ארויס שפּריצערס, שפּריצנ אפנ פּאָרעצ):

נא דיר וואסער, נא דיר וואסער, נא דיר וואסער!

(דער פּאָרעצ באהאלט אינדערגיכ דעמ קאָפּ אינ זאק ארײַנ).

(פּאָרהאנג)

זאנגעלעכ געקליבּנ

לופטיקע פעלדער,
דופטיקער סטעפּ,
גילדענע זאנגענ
בּייגנ די קעפּ.

בּייגנ זיכ, נייגנ זיכ
נידעריק, שווער:
— שניטערקע, שנײַד,
מיר קענענ ניט מער.

שניטערקעס שטאָלענע,
גלאנציק אונ נײַ —
שווימענ אונ שערנ

און שנײַדן געטרײַ.
זינגען די זאנגען
א פריידיקע ליד,
בייגן זיך, נייגן זיך,
לייגן זיך מיד.

ס'האָבן שניטערקעס פארלאָרן
זאנגען ווייץ און זאנגען קאָרן.
בעטן זאנגעלעך און שרײַען:
— יעדער קערנדל איז טײַער!

ווײַנען יאטן ניט געשלאָפן,
נאָך די שניטערקעס געלאָפן,
מיט די הראבליעס אומגעגאנגען
און די זאנגעלעך געפאנגען.

אונטער שווערע טויבע קלעפּ
זינגען זאנגעלעך אין סטעפּ,
יעדער ווינקעלע זאָל הערן:
— אונדזער דאנק די פּיאָנערן!

איבער שליאכן, איבער טראקטן
גייט א וואלקע א געפּאקטע,
אפן ערשטן וואָגן פאָרנט —
זעקלעך ווייץ און זעקלעך קאָרן.

פלאקערט זון אף פעלדער ברייטע,
פלאטערט פאָן א פײַער־רויטע,
מעלדעט, פעלדער זאָלן הערן:
— ס'איז א דאנק די פּיאָנערן!

מילן אײַלן, מאָלן מעל,
מילן אײַלן, מאָלן שנעל,
פּעטע קערנער אין די קוישן,
וואַלצן רײַבן, ראַשן, רוישן,
אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל הערן:
— ס'איז אַ דאַנק די פּױערן!



די מילכאָמע צווישנ די פייגל מיט די מייז

(א מאָשל)

באם פיקנ קאָרנ אפנ טויק ארום די סמויגנ
האָבנ די פייגל זיכ צעאמפּערט מיט די מייז.
עס זיינענ היסע, פייערדיקע פּעטש געפלויגנ,
אונ בלוט האָט זיכ געגאָסנ דיטשקעסווייז.
„ס'איז א מילכאָמע בא די מייז אונ בא די פייגל?"
האָט זיכ די פלעדערמויז באקלערט:
„וועל איכ דערבײַ מיסטאמע נישט דערלייגנ..."
זי האָט זיכ גיכ געטאָנ א לאָז אראָפּ אפ דר'ערד,
גענומענ נישטערנ אונ שנאָרענ
אונ פלוצעמ צו די מייז געפּאקט זיכ אינ א נאָרע.
די מייז האָבנ צו איר זיכ גלייכ געטאָנ א נעמ:
„אנ אויסשפּירער, אז אָכ אונ וויי צו דיינע יאָרנ!
אָט איצטער, פייגעלע, ביסטו בא אונדז אינ קלעמ".
„א פייגל גאָר?!" — האָט זיכ די פלעדערמויז צעשריגנ:
„א גראָבער ליגנ!
אָט גייט אונ פרעגט בא יעדערנ,
צי קענ געמאָלט זיינ גאָר א פייגעלע אָנ פעדערנ?
נאָט, קוקט מיכ אָנ, אָט האָט איר א באווייז:

איך בין אַ מויז באַגלײַך מיט אַלע מײַז”.
געוואָרן איז די מײַז אַ כאַרפּע און אַ בושע:
„איר זײַנט אַ מויז, וואָרעם? מע ווייסט עס וויל.
און קומט אַהער, און לאָמיר זיך צעקושן,
און זעצט זיך צו צום טיש, און נעמט עפּעס אין מויל.
אָ, זײַט אונדז מוחל.
עס טרעפט, מע כאַפּט זיך מיט אַ נאַרישקײַט אַדורך.
אַ מענטש איז צען מאָל קליגער פון אַ מויז,
איז ווערט ער אויך אַמאָל געשטרויכלט...”
די פלעדערמויז האָט דאָרטן זייער פײַן פאַרבראַכט,
מיט עסן, טרינקען, פונעם שענסטן, פונעם בעסטן,
ביז איינמאָל האָט זי זיך באַטראַכט:
מע דאַרף אַ פּרוּוו טאָן ס׳מאַזל אין די נעסטן.
די פייגל האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי:
„אַ מויז! אַ מויז! אַ מײַזל! קריך אין קעסטל!”
די פלעדערמויז אַרומגערינגלט איינס און צוויי:
„אונדז נאָר, טײַערינקע, קום נאָר אַפּן צימבל”.
„אַ מויז גאָר?” — שרײַט די פלעדערמויז: — „אַ נײַם!
אַזאַ מין בילבל!
און ווער האָט זיך געשלאָגן מיט די מײַז?
און ווו אַ פעדער האָט מען אויסגעפּליקט בײַ וועמען?
איך בין אַ פייגעלע באַגלײַך
מיט אײַך —
איר מעגט זיך שעמען!
נאָט, טוט אַ קוק און זאָגט אַליין:
אָט דאָס, מיט וואָס איך מאַך, איז פליגעלעך צי ניין?”
„פאַרשטייט זיך”, — שרײַען אַלע אויס: — „אַוואַדע!”
מע ווייסט ניט מיט דער פלעדערמויז גאָר וואָס צו טאָן.
פאַרבעטן זי צום טיש, באַזעצט זי אויבנאָן,

מע הערט ניט אופֿ ארום דעם גאַסט צו פֿאַרדענ.
די פֿלעדערמויז האָט בּרייטלעך און גאַנצ פֿעסט
אוּועקגעזעצט זיך בּא די פֿייגל אינ דער נעסט
און האָט דאָרט אויך געט ניט קיינ שפּעטנע קעסט.

איך האָבּ געזעענ אזא פֿאַרשוינ מיט מײַנע אויגנ —
ער טוט דיר מיטנ קוק א קער איבּער דעם שמויס:
אָט ערשט־אָ, דאַכט זיך, איז ער דאָך געוועג א מויז,
און איצט איז ער — א פֿויגל!

דער פאסטעכ אונ דער וואָלפ

(א מאשל)

א וואָלפ, א מאמרוזער־יונג, האָט שטילערהייט —
א פעל א שאָפענע אפ זיכ ארופגעצויגנ,
זיכ אינ א סטאדע שאָפ אריַנגעדרייט,
געכאפט א שעפעלע אונ טראָגט עס פיַל־פונ־בויגנ.
דעמ צווייטנ טאָג — ער טוט א פרווו: סע גייט!
דער וואָלפ האָט זיכ אהער פארנארעט,
אינ שאָפענעמ געשטאלט,
ער גאנווערט איינס נאָכ איינס די שעפעלעכ פונ סטאדע
אונ פראווערט מאָלציַטנ אינ וואלד.
דער פאסטעכ איז דעמ סאָד דערגאנגענ,
אונ סאפקאָלכאָפ

האָט ער דעם שיינעם לײַט געפאנגען
אונ מיט דער פעל איניינעם אפ א בוים געהאנגען.
„ווי נעמט מען אונ מע הענגט עס אופ א שאָפ!"
האָט אָנגעהויבן יאכמערן אן אלטע שביינע:
„אזא מין אומשולדיקע זאך — דו גאזלען איינער!
פארוואָס? פארווען?"
„אָט קום אהערצו" — זאָגט דער פאסטעך: — „וועסטו זען."
דערביַ ט'ער באם געהאנגענעם די פעל פארהויבן:
„דאָס נעבעכל האָט גוט פארדינט דעם שטריק.
א שאָפ איז דאָס געוועזן בלויז פונויבן.
אונ אינעווייניק — ט'איז ער, דער אנטיק!"

וואָס שווייַגט מען

וואָס שטייט מען און וואָס שווייַגט מען, ווייל איך ווייס
וואָס גייט מען ניט אוורעמעלען באַגריסן ?
אוורעמל איז שוין אַלט געוואָרן אַכט.
פאַרוואָס האָט מען קיין יאָנטעוו ניט געמאַכט?

ווו זייַנען די פאַרטרעטן מיט די קוויטן?
וואָס גייט מען ניט אוורעמעלען באַגלייטן?
פאַרוואָס האָבן די דוואָרניקעס ביז איצט
די גאַסן ניט געקערט און ניט באַשפּריצט ?

אָט שוין זאָל מען ארויסגיין מיט די פאָנען!
מיט טעפּיכער באַפּוצן די באַלקאָנען!
און פריילעכ זאָל מיר ווערן באַלד אין גאַס!
אוורעמל גייט דאָס ערשטע מאָל אין קלאַס!



ווער ס'האָט ליב צוקערקעלעכ

ווער ס'האָט ליב צוקערקעלעכ
און לעקעכלעכ מיט פלעצעלעכ,
און איכ האָב ליב מוטערקעלעכ
און שרייפעלעכ מיט קלעצעלעכ.

כ'האָב אויסגעבויט א ברויט־זאַוואָד,
א רויקנ, א מעכטיקנ, —
מיט הובלענ און סטאַמעסקעס
וואָלט איכ טאָגנ און וואָלט נעכטיקנ.

ווער ס'האָט ליב פּיראָושנעלעכ,
איריסעלעכ און ניסעלעכ,

און איך האָב ליב א פענדזעלע
און פאַרבן אין די שיסעלעך.

א גאָרטן האָב איך אויסגעמאָלט
א ליכטיקן, א פרעכטיקן, —
מיט פענדזעלעך און פאַרבן
וואָלט איך טאָגן און וואָלט נעכטיקן.

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן, נאָר ס'זאָל זײַן א סאָד...
כ'וועל נעמען אלע לייטערס פון דער גאנצער שטאָט.
פארנאכט, ווען אלע וועלן גוט אנשלאָפן ווערן,
וועל איך ארויס פון שטוב, אז קיינער זאָל ניט הערן,
און שטילע־שטילערהייט ארויף אף דער לעוואָנע.
איך וועל דאָרט אויסמאָלן א פריילעך־פריילעך פּאָנעם,
מיט לאכנדיקע ציין, מיט קוטשעראווע האָר,
און צוקלעפּן איר קליינע אויערלעך א פּאָר,
און וואָנציעס לאנגע צוויי, א בערדל מיט א שפּיץ,
פונויבן אָנטאָן א פּאפּירענעם שקאַרמיץ,
דערנאָך וועל איך אראָפּ, ארײַן אין בעט אפּגיך,
און קיינער־קיינער וועט ניט וויסן, אז ס'איז איך.

אלע ווייסן

אלע ווייסן,
ס'איז א נײַס?
גראָז איז גרינ,
שניי איז ווײַס,
קויל איז שווארץ,
אש איז גרוי, —
אלע יאָרנ איז אזוי.

נאָר בּא מיר,
בּלויז בּא מיר,
וואָס איכ זע, איז איינ קאָליר:
ראָז.
ראָז דער טאטע,
ראָז די הונ,
ראָז די כמארע,
ראָז די זונ,
אונ דער בּרונעם,
אונ סירקאָ,
אונ דאָס פערדל,
אונ די קראָ,
אונ די גאנצע וועלט איז ראָז —
(כ'האָבּ אזא מינ גלאָז).

א לידעלע פון ניורעג,
ווּאזוי זי שרײַבט

אָט אזוי־אָ שרײַבט זי, ניורע:
מאכט א קלעק אף יעדער שורע,
דרײַסיק גרײַזן אף א פערטל, —
אז זי פוילט זיך גאָר א קלער טאָן!

שטייען קאָטשערעס פארבויגן,
און כאָטש נעם ארויס די אויגן.
פונקט אינמיטן שטעקט א פלאָקן,
כ'האָב אף טויט זיך אוש דערשראָקן.

כ'בין געווען בא אלע שכיינים:
— עפשער קענט איר איבערלייענען? —

אלע דירעס אויסגעלאָפנ,
קיינער האָט עס ניט געטראָפנ.

רופט זיכ אָנ די שכיינע ברײַנע:
— עפּשער איז דאָס גאָר ציגײַנערש ?

טוט א קוק דער שאָכנ רײַסקן :
— עפּשער איז דאָס אפּ קיטײַסקע ?

ווערט אינ קאס דער כאווער בערקיש:
— כ'גיב מײַנ קאָפּ, אז כ'איז אפּ טערקיש !

טוט א שמייכל נאקעס פּאָטער:
— שאט נאָר, עפּשער איז עס טאָטערש ?

טוט א לאכ דער קליינער נאקע:
— נע, ס'איז פּאָשעט אָנגעדראקעט...

כ'בעט דיכ, כאווערטע, צי כאווער,
ס'איז מיר זייער שטארק ציקאווע:
נעמ באקוק עס אונ באטראכט עס,
פּרוו אונ שטויס זיכ אָנ, ווי מאכט עס.

טאָמער טרעפסטו כאָטש אביסל,
בעט איכ געבנ מיר צו וויסנ
מיט א בריוו צי מיט א קארטל, —
האָב אינזינענ, איכל ווארטנ.



בּא מײַנ בּאבּע פּײגל-הענײע

בּא מײַנ בּאבּע פּײגל-הענײע
וואקסנ בּײגל אינ דער זשמענײע.
— פּײגל-הענײע, הענײע-פּײגל,
אינ א זשמענײע וואקסנ בּײגל?
— געבּאקנ.

בּא מײַנ זײדנ פּײַוול-גאָדל
וואקסנ בּײַוול אינ דער נאָדל.
— פּײַוול-גאָדל, גאָדל-פּײַוול,
אינ א נאָדל וואקסנ בּײַוול?
— ארײַנגעסילעט.

בּא מײַנ מומע פּערל-וועליע
טאנצנ בּערנ אפ דער סטעליע.

— פערל־וועליע, וועליע־פערל,
אפ א סטעליע טאנצנ בערנ?
— סע פליגנ.

בא מינ פעטער ארנ־שלוימענ
וואקסנ בארנ אפנ קוימענ.
— ארנ־שלוימע, שלוימע־ארנ,
אפ א קוימענ וואקסנ בארנ?
ס'א ליגנ.



דער קרעפּס און דאָס קרעפּסעלע

(א מאָשל)

א קרעפּס, א מוטער, האָט איר קליינע טאָכטער
געלערנט גיינ.
„דו נאריש קינד, וואָס קענסטו ניט פארשטיינ!"
שרייַט אויס די מוטער א צעקאָכטע
און גיט דערבייַ דאָס קרעפּסעלע א שטויס:
„איכ האָב דיכ פייַנט, איכ קענ אפּ דיר ניט קוקנ.
מע טאָר זיכ אפּ צוריק ניט רוקנ!
פאָרויס באדארפ מענ גיינ! פאָרויס! פאָרויס!"
„אוי, מאמעלע, זאָלסט וועלנ זייַנ א גוטע",
האָט זיכ דאָס קרעפּסעלע געבעטנ בא דער מוטער:
„וואָלסטו אוועק אפריר'ד,
און איכ וואָלט מיר פּאמעלעכקע געגאנ נאָכ דיר..."



העשל און טעשל און לייבל מיט כאָנען

העשל און טעשל
און לייבל מיט כאָנען,
מע קומט זיך צונויפּעט,
איז באַלד ווי די האָנען.

אז טעשל זאָגט „טאָג״,
זאָגט העשעלע „נאַכט״,
אז לייבל זאָגט „ווייניק״,
שרייַט כאָנע „אַסאַך״.

אז כאָנע זאָגט „נייַ״,
שרייַט לייבעלע „אַלט״,
אז טעשל זאָגט „הייס״,
שרייַט העשעלע „קאַלט״.

אז לייבל זאָגט „מע מעג״,
שרייַט כאָנע „מע טאָר ניט״.

אז לייבל זאָגט „פונהינטן",
שרײַט טעשל „פונפאָרנט".

—

אז כאַנע זאָגט „נאס",
שרײַט העשעלע „טרוקן" —
איך ווייס ניט, אפ וועמען
אפריער צו קוקן.

אפ וועמען צו קוקן
און וועמען צו גלייבן —
צי העשלען, צי טעשלען,
צי כאַנען, צי לייבן.

—

דאָס פּאָרל

קיינמאָל זעט מען זיי באַזונדער,
שטענדיק שפּאַנען זיי צוזאַמען.
אַלט איז ער — אַוואַדע הונדערט.
זי דאַרף אַלט זײַן — אַכט מיסטאַמע.

ביידע אויפגעלייגט קעסיידער,
שטענדיק לאַכן זיי און קוועלן,
פֿאַר די הענט מע האַלט זיך ביידע,
דריבנע טריטעלעך זיי שטעלן.

כ׳קוק זיי אָנעט און פארשטיי ניט,
און איך קאָן ניט אונטערשיידן:
צי דער ווידע פירט דעם איניק,
צי דער איניק פירט דעם ווידן.

כ'גיי איך נאָך

כ'גיי איך נאָך און שרײַ און טײַנע,
כ'וויין, איך בעט זי, כ'רעד איר אײַן:
— באבע, זאָג ניט „מיר פאר דײַנע",
באבע, זאָג ניט „מיר זאָל זײַן".
כ'בין א פּיצל? כ'בין א ברעקל?
כ'גיי שוין גיך אין שול ארײַן. —
טוט זי מיך א קוש אין שטערן:
— וועסט עס מיין פון מיר ניט הערן.
ביסט שוין טאקע ניט קיין קליינער,
מיר זאָל זײַן פאר דײַנע ביינער.

שלוימע־בּער

איר האָט געהערט די מײַסע וועגנ שלוימע־בּערנ ?
ער האָט זיכ מיטנ קאָפּ אַראָפּ אוועקגעשטעלט
און זיפּצט, נעבעכ, און קרעכצט, און גיסט מיט טײַכנ טרערנ,
און שרײַט אײנ קאָל : „געוואלד, ס׳איז א קאַפּוירע וועלט !"

מיאו

(א רוסיש פאָלקס-לידעלע)

קומט דאָס קעצעלע דאָס ראָבע:
— מיאו...
— וואָס ווייניסטו, מורקע, — פרעגט די באָבע.
— מיאו!..
איך האָב אַף זשוטשקען א פארדראָס.
— אַף זשוטשקען, קעצעלע, פאַרוואָס?
— מיאו!..
ער לעקט די סמעטענע אין קיך,
און נאָכדעם זאָגט ער, אַז ס'איז איך.
— מיאו... מיאו...

איידל־איידעלע, געפּאַצקעט מיידעלע

— אידיע, איידל, איידעלע,
מײַן געפּאַצקעט מיידעלע,
קום שוין עסן וועטשערע,
נאַ דיר לאַטקעס רעטשענע.

— ניין, באָבע פּעסל,
דאָס איז ניט קיין עסן.
לאַטקעס זײַנען טרוקן,
כ׳קאָן אַף זיי ניט קוקן.

— איידיע, איידל, איידעלע,
מײַנ געפּאצקעט מיידעלע,
נא דיר קאשע, טאָכטער,
באַרעלעכ געקאָכטע.

— ניינ, באַבע פּעסל,
דאָס איז ניט קיינ עסנ,
קאשע איז מיר שיטער,
באַרלעכ־יויכ איז ביטער.

— איידיע, איידל, איידעלע,
מײַנ געפּאצקעט מיידעלע,
נא־זשע דיר א העלדזועלע,
נא דיר גריוונ גענדזענע.

— ניינ, באַבע פּעסל,
דאָס איז ניט קיינ עסנ.
גריוונ איז געזאלצנ,
העלדזול איז געשמאלצנ.

— איידיע, איידל, איידעלע,
מײַנ געפּאצקעט מיידעלע,
זאָג־זשע, טאָכטער־לעבנ,
וואָס זאָל איכ דיר געבנ ?

קאָכ מיר אָפּ א לעמעשקע,
אײַנגעמאכטס מיט פּעטרעשקע,
צוגעבראָקט מיט רעטעכ —
אָט־אָ דאָס־אָ בעט איכ.

———

אָכ אונ וויי

געווענ אמאָל
שלימאזלענ צוויי :

איינער אָכ

אונ איינער וויי

איז געקומענ וויי צו אָכנ :
— ס'איז מײַנ שטיבעלע צעבראָכנ.
כ'האָב ניט, נעבעכ, ווו צו זײַנ,
כ'וויל צו דיר אינ שטוב אַרײַנ.

רופט זיכ אָנעט אָכ צו ווייענ :
— אינ מײַנ שטיבל ווינטנ דרייענ,
אונ ס'איז קאלט בא מיר אונ נאס —
לאָמיר וויינענ אפ דער גאס.

זיצן זיי,
אָך און וויי,
אין א שטיבעלע פון שניי.

נעמען ביידע, וויי מיט אָכן,
אין א טשײַניק טיי צו קאָכן.
האָט דאָס פײַער זיך צעברענט,
רינען ריטשקעס פון די ווענט.

איז א ריטשקעלע געפלאָסן,
האָט דאָס אייוועלע פארגאָסן,
און דאָס פײַער לעשט זיך אָפּ,
און דער טשײַניק פאלט אראָפּ.

זיפצן זיי,
אָך און וויי,
ניט קיין שטיבל, ניט קיין טיי.



וויאזוי א בערעלע האָט זיכ אָנגעגעסנ מיט האָניק

אײַ, א בערטשיק, אײַ, א בערעק,
אוי, א נארעלע, א פּריץ:
זיכ מיט האָניק אָנגעפּערעט
אונ אָט איצטער האָט ער היץ.

אונ סע דרייט זיכ אים דער קאָפּ,
אונ דאָס בײַכעלע איז גראָב,
שרײַט די בערעכע -- א דונער!
האָניק עסט מענ אופ א טאָפּ?!

כאַפּט דער בער און מוט זיכ אָנ,
לויפט און קלינגט אינ טעלעפאָנ.
— אכצנ — דרײַצנ, הונדערט דרײַ,
אונדזער בערטשיק איז פּאַרבײַ.
דאָקטער, דאָקטערשע, פּראָפעסער, —
גיכער היילט מיר אים דעמ פּרעסער!

קומט א קאַרעטע צו לויפנ,
קומט צו פליִענ, ווי א בליץ:
דער פּראָפעסער מיטנ מעסער
און דער דאָקטער מיטנ שפּריץ.

און די דאָקטערשע מיט בינטנ,
און פונהינטנ דער לעקפּאָמ,
סאניטארקעס מיט פּריפּארקעס
און מיט פּראָשקעס און מיט בראָמ.

— בערטשיק, בערטשיק, ווײַז דעמ דייפּעק,
וויפל היץ קענ דאָרטנ זײַנ?
אוי, סע ברענט אינ אימ א כרייפּע:
איינ און פערציק אוש מיט נײַנ.

נאָכדעמ ווינקענ זיי זיכ איבער,
דער זאָגט „טיפּ", און דער זאָגט „פּיבער",
קאָנ דאָ קיינער ניט פארשטיינ —
ווײַל זיי ריידנ אפּ לאטיינ.

— האָניקלעקוס!
— אכ, א שרעקוס!
— א רעצעפּט! ניכאראשאָ!

— סײַדען
שנײַדען
אים דעם בויכוס!
— מישקא,
קישקא
אָנ א דנאָ!

אונ דער טאטע שרעקט זיך,
אונ די מאמע עקט זיך,
אונ מײַנ בערטשיק ליגט אונ סאָפּעט,
אויקעט אונ באַלעקט זיך.

טאטע, מאמע, האָט ניט מוירע...
ווער דארפ האָבנ די ד[illegible]ים?
ווער דארפ האָבנ דע[illegible] [illegible]נסער?
ס'איז מיר שוינ א קאפּל [illegible]עסער.

טוט א טאפּ,
טוט א גלעט,
אוכ, בינ איכ געוואָרנ פעט!
גיט מיר א פּאַלאַנעק
האָניק,
טאנצ איכ באלד אראָפּ פונ בעט.



עסטע די פּעסטע

עסטע די פּעסטע
האָט אזא מין טעווע:
רירט מען זי נאָר אָנעט,
וויינט זי און זי רעוועט,
לויפט צו דער לערערקע,
הייבט זיך אָן צו קלאָגן:
— ער האָט מיך געהארגעט,
— זי האָט מיך געשלאָגן,
— ער האָט מיך א שטופּ געטאָן,
— זי האָט מיך א צופּ געטאָן,
— ער האָט מיך א בּיס געטאָן,

— זי האָט מיך א ריס געטאָן.
„ראָטמעך”, „זיאָטמעך” —
סע זשוזשעט אוש אין קאָפּ...
— עסטע די פּעכטע,
טשעפּע זיך אָפּ.

ניאָצע ראָכעס אפּצעלאָכעס

אָט איז אונדזער ניאָצע ראָכעס,
אַלצדינג טוט ער אפּצעלאָכעס:
— שטיי ניט,
שטייט ער.
— גיי ניט,
גייט ער.
— זינג ניט,
זינגט ער.
— שפּרינג ניט,
שפּרינגט ער.

— שטער ניט,
שטערט ער.
— שער ניט,
שערט ער.
— שנײַד ניט,
שנײַדט ער.
— שפּײַ ניט,
שפּײַט ער.
— שרײַ ניט,
שרײַט ער.
אונ אזוי װײַטער.

ייִנגל־צינגל־פּלוידערזאַק

ייִנגל־צינגל־פּלוידערזאַק,
קוואַקע, קוואַטשקע, קוד־קודאַק,
מיטן דאַשעק אין דער זײַט,
פּויקט און פּילדערט און ער שרײַט.
אַז דער לימעד הייבט זיך אָנעט,
און דאָס פּלוידערזעקל קאָן ניט,
שטייט ער אוף און טוט א גראַגער:
— כ'בעט א וואָרט, איך האָב א פראַגע:
וואָס איז גרעסער, וויל איך וויסן,
די לעוואָנע, צי די שיסל?
זאָגט מיר, לערערקע, פאַרוואָס
עסן פליגן ניט קיין גראָז,

טרינקען ציגן ניט קיין טיי,
אלע ווינטער גייט א שניי,
האָבן קעמלען גרויסע האָרבעס,
און די קאַטשקעס גייען באָרוועס? —

צי הערט מען יאָ, צי הערט מען ניט,
ער שיט און מאָלט, און מאָלט און שיט,
און פּלוידערט אָן א פולן זאַק —
קאָ־קאָ־קאָ־קאָ־קוד־קו־דאַק.
— ציינגל, ס׳קלינגט מיט דיר די גאַס,
זיצסט דאָס צווייטע יאָר אין קלאַס,
הער אוף מאָלן, הער אוף שיטן,
וועסט נאָך בלייבן אפן דריטן.

בוליע

ס'נעמען אנטייל:

בוליע דער פעפער
זיין באבע
איזיע דער שלאנגלער
דינעלע זעכצער — שעלט זיך און שווערט זיך

(בא בוליען אינדערהיים. סע שטייט א בעטל, לעבן בעטל א טישל מיט א בענקל. בוליע שלאפט, איבערגעדעקט איבערן קאפ, מיטן פאנעם צום זאל. סע שטעקט ארויס נאר די נאז. דער זיינער קלינגט אכט).

איזיע (הינטער די קוליסן): **בו־ליע־ע!**
בוליע (פון אונטער דער קאלדרע): **א־הו־ו!**
איזיע: **וווּ ביס־טו־ו?**
בוליע: **אין בע־עט!**
איזיע: **שטיי אוף, שוין שפע־ע־עט!**

(בוליע הייבט אן כראפען).

א י ז י ע (לויפט אריין. אפ די פּליִיצעס זיַין רענצל, און אונטערן אָרעם האַלט ער עפּעס איַינגעוויקלט אין א פּאַפּיר, טאָרעט בוליען): בוליע... בוליע... האָסט דאָך ערשט גערעדט!

ב ו ל י ע: פריִער האָב איך גערעדט און איצטער שלאָף איך (כראָפּעט וויַיטער).

(ס'לויפט אריַין דינע, אויך מיט א רענצל אפ די פּלייצעס).

ד י נ ע: אוי! ער שלאָפט נאָך?

א י ז י ע: ער וויל ניט אופשטיין.

ד י נ ע: וואָס הייסט ער וויל ניט? בוליע! בוליע! (טאָרעט בוליען, בוליע כראָפּעט שטאַרקער).

א י ז י ע: דינקע, האָסט מיר געבראַכט די פאַרבן?

ד י נ ע: וואָסערע פאַרבן?

א י ז י ע: וואָס הייסט וואָסערע פאַרבן? האָסט דאָך בא מיר נעכטן גענומען די פאַרבן?

ד י נ ע: איך? פאַרבן? זאָל איך אזוי שטאַרבן! נע! מירן גיין פון שול, וועל איך דיר אָפּגעבן.

א י ז י ע: שעמען מעגסטו זיך! מיט וואָס וועל איך היַינט מאָלן? און דעם בליַיער האָסטו מיר געבראַכט?

ד י נ ע: וואָס פאַר א בליַיער?

א י ז י ע: וואָס הייסט וואָס פאַר א בליַיער? פון איין זיַיט רויט, פון דער צווייט'ער זיַיט בלאָו. האָסט דאָך בא מיר נעכטן גענומען אָפּ צו פאַרפאַרבן די דיאַגראַם!

ד י נ ע: איך?! א בליַיער?! זאָל איך אזוי ברענען, ווי פיַיער! נע! מירן גיין פון שול, וועל איך דיר אָפּגעבן!

א י ז י ע: וואָס איז עס פאַר א מיִעסע טעווע בא דיר?! באַלד עפּעס, שווערסטו זיך! ביסט אן אַקטיאַבערל, צי א העגדלערקע?

ד י נ ע: א י ך האָב זיך געשווירן? (טוט זיך א קלאַפּ אין הארצן) זאָלן מיר אָפּדאַרן די אויערן! אָט זיצן דאָך בעוורע (ווענדעט זיך צום זאַל): א יאָ ניין?

בוליע (קאָן זיך ניט איינהאַלטן): **דינעלע זעכצער — שעלט זיך און שווערט זיך, כ'האָב אליינ געהערט!**

דינע (טוט א פליעסקע מיט די הענט): **אוי, איך בינ דאָך היינט דעזשורנע.** (אנטלויפט).

איזיע: **בוליע, שטיי שוינ אופ אמאָל! נו, גיכער!** (בוליע הייבט אָנ כראָפּענ) **ווידעראמאָל?! האָסט דאָך ערשט גערעדט?**

בוליע: **ס'האָב איך גערעדט פונ שלאָף!** (כראָפּעט ווייטער).

(איזיע צעוויקלט דאָס פּאַפּיר, נעמט ארויס א ברעטל, קריכט ארופ שטילערהייט אפנ טישל אונ הענגט אופ דאָס ברעטל איבער בוליעס בעט. אפנ ברעטל איז אָנגעשריבנ מיט גרויסע אויסיעס: „דאָ שלאָפט בוליע דער פּעפּער").

איזיע (טאנצט אראָפּ פונ טישל): **געדענק, בוליע, היינט שטעל איך נאָכאמאָל די פראגע וועגנ דיר!**

באָבע (קומט אריינ פונ קיך מיט א טעפּל אינ האַנט): **וואָס איז, יינגעלע?**

איזיע: **איר זיינט בוליעס באָבע?**

באָבע: **יאָ, א באָבע. וואָס איז דענ?**

איזיע: **אייער בוליע פארשפּעטיקט אלע טאָג אינ שול אריינ.**

באָבע: **פארשפּעטיקט אלע טאָג אינ שול אריינ?! בוליע, דו הערסט?!** (בוליע כראָפּעט).

איזיע: **נעכטנ האָב איך אים גערופנ צו מיר מאכנ די לימודים, איז ער אנטלאָפנ.**

באָבע: **איז ער אנטלאָפנ?! בוליע, דו הערסט?** (בוליע כראָפּעט).

איזיע: **איצטער בינ איך אים געקומענ רופנ אינ שול אריינ, ווייל ער ניט אופשטיינ.**

באָבע: **ער וויל ניט? וואָס הייסט ער וויל ניט?! בוליע, בוליע!** (בוליע כראָפּעט). **א דאנק דיר, יינגעלע, וואָס דו האָסט אים אינזינענ. וויאזוי הייסטו, יינגעלע?**

איזיע: **כ'הייס איזיע.**

באָבע: **ביסט א וווויל יינגעלע, איזיע.**

איזיע: **איך בינ ניט קיינ וווויל יינגעלע, איך בינ א שלאָגלער.**

באָבע: כ'האָב טאַקע אַזוי געוואָלט זאָגנ. לויפ־זשע, איזיע, אינ שול אַרײַנ, קענסט נאָכ איבער אימ פאַרשפּעטיקנ. באַלד וועק איכ אימ אופ!

איזיע: נאָר גיכער, באָבע, א גוטנ טאָג! (גייט אַוועק).

באָבע (גייט צו צו בוליעס בעט, זינגט).

א־א, א־א, ליוליע,
פּיצעלע יינגעלע בוליע,
האָט אַזאַ מינ שטייגער,
שלאָפט ביז אַכצנ אַזייגער.

א־א, א־א, ליוליע,
פּיצעלע יינגעלע בוליע...

בוליע (שטעקט אַרויס דעמ קאָפּ, מאַכט א קרומ פּאַנעמ): באָבע, כ'בינ שלא־אפּ...

באָבע (טוט א פּליעסקע מיט די הענט): אַז אָכ אונ ווײ אונ ווינד, קוקט נאָר אָנ דאָס קינד — עפּשער האָט ער [illegible]פּניאַק, אונ טאָמער איז בא אימ א ראַק, אונ עפּשער מאָלט ער, [illegible] טאָמ[illegible]אַקט ער, גיכער לויפט אונ ברענגט א דאָקטער! געוואַ־אַ־לד! [illegible]יפּט אַרײַנ איזיע, איבערגעטאָנ פאַר א דאָקטער).

דאָקטער: באַ־אַלד, באַלד. שרײַט ניט אַזוי שטאַרק. איר זײַנט ניט אָפּנ מאַרק. איכ בינ דער דאָקטער טינטענפּענ. ט'וועל איכ א קוק טאָנ, וועל איכ זענ.

(דער דאָקטער גייט צו צומ בעט, די באָבע דערלאַנגט אימ א בענקל).

באָבע: זיצט, דאָקטער, ליבער, געטרײַער, דאָס קינד ברענט, ווי א פײַער. א גאַנצע נאַכט איז ער גוט געשלאָפנ, אָנ אומגליק האָט מיכ געטראָפנ. נאַרוואָס האָט ער געבראָפּעט אַזוי געשמאַק, אַזאַ צאָרנ, אַזאַ שלאַק. אוי, ס'כאַפּט מיכ אָנ א שרעק, ראַטעוועט, דאָקטער — ער שטאַרבט אַוועק!

דאָקטער: איכ בעט מיר ניט שטערנ, דערציילט, יינגעלע, לאָמיכ הערנ! וואָס טוט דיר ווײ?

בוליע: אלצדינג.

דאקטער (פארוואונדערט): אלצדינג?

בוליע (דרייסט): יאָ, אלצדינג. די פלייצע ברעכט מיר, אינ דער זייט שטעכט מיר, אינ מויל איז מיר ביטער אונ זיס, כ׳האָב מאָזאָליעס אפ די פיס, סע שווינדלט מיר אינ די אויגנ, די האנט איז מיר אײַנגעבויגנ. סע טוט מיר וייער ווי דער קאָפּ. די נאָז... איז... מ־מ־מיט די לעבעלעב אראָפּ, מיט די ליפּנ קענ איכ ניט מאכנ אונ נאָכ אזוינע זאכנ... אוי, אוי, אוי!

דאקטער: אנו, ווײַז די צונג!

בוליע (שטעקט ארויס די צונג): א־א־א...

דאקטער: א צונג, ווי אלע צונגענ.

באבע: לאנג לעבנ זאָלט איר, דאָקטער!

דאקטער (טוט זיכ א נייג צו דער באָבענ): נישטאָ פארוואָס! (צו בוליענ) אנו, ווײַז דעמ דייפּעק (פרוווט דעמ דייפעק, קוקט אפנ זייגער) קיינ היצ האָט ער ניט.

באבע: לאנג לעבנ זאָלט איר, דאָקטער!

דאקטער (א נייג צו דער באָבענ): נישטאָ פאר׳וואָס! (נעמט אויסהערנ בוליענ): עטעמ ניט, עטעמ יאָ... עטעמ ניט... טו א הוסט... מע דארפ ניט הוסטנ... טו א הוסט... שטארקער... שטארקער... נאָכ שטארקער!

(בוליע טוט, וואָס דער דאקטער הייסט)־די לונגענ זײַנענ געזונט.

באבע: לאנג לעבנ זאָלט איר, דאָקטער!

דאקטער (א נײַג צו דער באָבענ): נישטאָ פאר וואָס! (צו בוליענ) וואָס איז בא דיר מיט דער האנט?

בוליע (ווײַזט אנ אײַנגעבויגענע האנט, מיט א וויינענדיק קאָל): די רעכטע האנט איז מיר צונויפגעצויגנ. איכ קאָנ זי ניט אויסבייגנ.

דאקטער: אנו, עפשער וועל איכ קאָנענ? (פרוווט).

בוליע: אוי!

דאקטער: באָבע, דערלאנגט מיר א גלאָז וואסער!

באבע: טייקעפ, דאָקטער! (לויפט אוועק אינ קיכ).

דאָקטער (פּאַטראַכט דערווײַל די האַנט פון אַלע זײַטן): און די לינקע האַנט טוט דיר ניט וויי?

בוליע: די לינקע אויך. די פינגער האָבן זיך צונויפגעקלעפּט, און איך קאָן זיי ניט צענעמען (ווײַזט).

(ס'קומט אַרײַן די באָבע מיט אַ גלאָז וואַסער. דער דאָקטער נעמט די גלאָז און שטעלט זי אַנידער אויפן טישל לעבן בעט. ער פּרוּווט צענעמען די פינגער).

בוליע: אוי!

(די באָבע ברעכט די הענט).

דאָקטער: וואָס קאָן עס באַטײַטן? איך קאָן גאָרניט פאַרשטיין! זינט איך בין דאָקטער, האָב איך אַזוינס ניט געזען. אָנו, ייִנגעלע, טו אַ טרונק אַביסעלע וואַסער.

(בוליע פאַרגעסט זיך, שטרעקט אויס די רעכטע האַנט, נעמט די גלאָז. די באָבע און דער דאָקטער שיסן אויף אַ געלעכטער. בוליע דערשרעקט זיך, לאָזט אַרויס די גלאָז אויפן פאָל, בײַנט צוריק אײַנ י האַנט און בלײַבט ליגן, ווי אַ גוילעם).

באָבע: לאַנג לעבן זאָלט איר, דאָקטער!

דאָקטער (טוט זיך אַ נייג): נישטאָ פאַרוואָס! (נעמט צונויף זײַנע זאַכן, בורטשעט): נאָ דיר גאָר מאָזלען, נאָ דיר גאָר פּאָקן, איר האָט זיך, באָבעניו, אומזיסט דערשראָקן.

(בוליע שטייט פאַרשעמט און פאַרלוירן. דער דאָקטער גייט אַרויס. די באָבע באַגלייט אים און באַוערט איבער: „לאַנג לעבן זאָלט איר, דאָקטער. וואָס אַ פעפער קאָן!").

בוליע (קוקט אויפן טאָוול, לייענט): „דאָ שלאָפט בוליע דער פעפער".
צו וואָס האָט עס מיר געטויגט? (זינגט און כליפּעט):

פאַרשעמט און פאַרלוירן,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
שטייט פאַר אײַך אַ פעפער
מיט טרערן אין די אויגן.

וווּ זײַנען מײַנע העפטן?
וווּ זײַנען מײַנע ביכער?
איך זאָל כאָטש ניט פאַרשפּעטיקן,
לאָמיך לויפן גיכער!

(טומ אַנ דאָס רענצל. ס'לויפנ אריַינ די באָבע, דער דאָקטער אונ דינע. אלע מיט פּיאָנערישע האלדזטוכנ. שטעלנ זיכ אוימ הינטער בוליענ. דער דאָקטער ריַיסט אראָפּ די באָרד).

בוליע: אוי, איזיע!

(אלע זינגענ פריילעכ)

איזיע:

אינמיטנ פעלד שטייט א בארג,
וואקסנ גרינע גראָזנ.
אונדזער בוליע איז א פעפער,
שטייט ער אָנגעבלאָזנ.

אלע:

ווער סע וויל א שלאָגלער זיַינ,
פארגעדענק די ווערטער:
„אז דאָס גלעקל קלינגט אינ שול —
אלע אפ די ערטער".

באָבע:

בוליע וויל ניט גיינ אינ שול,
האָט ער שוינ א מיטל:
— אוי, וויי, באָבע, איכ בינ שלאפ,
ס'טוט מיר ווי דאָס היטל.

אלע:

ווער סע וויל א שלאָגלער זיַינ אאוו.

דינע:

קומט דער דאָקטער טינטענפעג:
— לאָמיכ אימ באטראַכטנ,
וויַיז דעמ דייפעק, לאָמיכ זענ,
ניט א דאָקטער נארט מענ.

אלע:

ווער סע וויל א שלאָגלער זיַינ אאוו.

א י ז י ע :

זיך געדרייט אהער, אהין
און האָט זיך פֿאַרשאָטן,
זײַט, אָקטיאַבערלעך, אין אים
קיינער ניט געראָטן.

א ל ע :

ווער סע וויל א שלאָגלער זײַן אַװוּ.



דאָס גלעקל

כ'האָב א שטיבל אָנ א פּאָל,
אונטנ ברייט אונ אויבנ שמאָל.
אפ דער סטעליע, אפ א רינגל
ווינט דאָרט איינער צינגל-קלינגל,
הענגט ער מיטנ קאָפּ אראָפּ,
כאפּט ער אלעמאָל א קלאָפּ.
כ'נעם דאָס שטיבעלע אינ האנט,
שלאָגט זיכ צינגל קאָפּ אינ וואנט.
שאָקלט זיכ אהער, אהינ:
— גלאָנ-גלינ, גלאָנ-גלינ.
ווענ דער לימעד הייבט זיכ אָנ:
— גלינ-גלאָנ, גלינ-גלאָנ,
ווענ דער לימעד ענדיקט זיכ,
צינגל טעליעבענדעט זיכ.



א לידעלע, אַז מע שניצט א בלײַער

שניץ, מעסער,
בעסער שניץ,
שאַרף דעם בלײַער,
מאַך א שפּיץ.
שאָב, שאַרף,
שאַרף, שאָב,
ניט צו דין,
ניט צו גראָב,
ניט צו קורץ,
ניט צו לאַנג, —
שווינג.
שײַנג.
שאַרף.
א דאַנק!

א לידעלע, אז מע מעקט מיטנ מעקער

מעק, מעקער,
מעקער, מעק,
מעק מיר אויס
אַמי דעמ־אָ קלעק.

רײַבנ, רײַבנ,
רײַבנ, רײַבנ,
אז קיינ סימענ
זאָל ניט בלײַבנ.

נאָכ, נאָכ,
נאָכ, נאָכ,

זע נאָר רײַב ניט אױס
קײן לאָך.

איצטער דאָרט,
איצטער דאָ.
װוּ־ז דעם קלעק!
ניטאָ.



שוועבעלעכ

אינ א שטיבעלע א קליינעמ
וווינענ עפּשער פּופציק שכיינימ.
אלע ליגנ אויסגעצויגנ,
ניט קיינ נאָז אונ ניט קיינ אויגנ,
ניט קיינ אויער, ניט קיינ לעפּל,
נאָר א פּיסל מיט א קעפּל.
קומט א שאָכנדל פונ דאָרטנ,
מיטנ קעפּעלע א פּאָרקע,
טוט א פייַערל א בלענד
ווערט דאָס שאָכנדל פארברענט.



אין שאַשקעס

איך אַ גאַנג,
דו אַ גאַנג,
גיכער גיי,
טראַכט ניט לאַנג.

איך אַ רוק,
דו אַ רוק,
גיב אַ הער,
גיב אַ קוק.

קוק זיך צו,
שפּיל מיט קאָפּ,
שלאָגסטו מיר,
שלאָג איך אָפּ.

שלאָגסטו מיר,
שלאָג איך דיר,
דו מיר צוויי,
איך דיר פיר.

דו א גאנג,
איך א גאנג,
גיכער גיי,
טראכט ניט לאנג.

נאָר אָנ קאס,
נאָר אָנ היץ,
נא דיר, שלאָג,
איצטער זיץ!

ניטע וויינ,
ניטע קלאָג,
נא דיר נאָך,
נא דיר, שלאָג:

דו מיר איינס,
איך דיר דרײַ —
איצטער קום
אפדראָסנײַ.



א פֿלוידער־מײַסע

ניט געשטויגן,
ניט געפֿלויגן,
כ׳בין אליין דערבײַ געווען.
כ׳האָב געהערט
מיט מײַנע אויגן,
מיט די אויערן געזען.

אין א זומער־טאָג א שיינעם,
אין א ברענענדיקן פֿראָסט,
האָט זיך לייבעלע דער קליינער
אין א ווײַטן וועג געלאָזט.

— זײַט געזונט, איר טאטע־מאמע,
ווײַל איך פֿאָר פֿון אײַך אוועק,
כ׳וועל מיסטאמע זיך פֿארזאמען
זיבן נעכט מיט דרײַצן טעג.

פלעכט מיר, זיידע, אויס א קאָשעק,
כ'פאָר אוועק קיין ארמאוויר
נאָך א הירזשע פון א לאָשעק
און א סקריפּע פון א טיר.

ווינט די באָבע לייע־מירטע:
— לייבע, הארצעלע, מײַן שײַן,
נא דיר צוויעקעס מארינירטע
און א רעשעטע מיט ווײַן.

נא דיר קלײַיען אין אַן עמער,
נא דיר וואסער אין א זאק, —
אז דאָס הארץ וועט דיר פארקלעמען,
זאָלסטו אָפּעסן געשמאק.

שמירט אַן לייבעלע דעם שליטן
אינדערלענג און אינדערברייט,
טשעפּעט צו א ראָד אינמיטן,
און דער וואָגן איז שוין גרייט.

ברענגט ער פּידקאָוועס צו טראָגן,
קאָוועט אָפּ די ראָבע קאץ,
שפּאנט דעם אינדעק אײַן אין וואָגן,
פאָרט ארויס אפּ ברייטן פּלאץ.

קומען לייבעלען באגלייטן
אלע שכיינים פון דער גאס:
אײַדל־דידל מיט דער פּלייטע,
דידל־אײַדל מיטן באס.

זינגענ ציגנ אינ די וויגנ,
מעקענ קינדער אפנ שליאכ,
פאַכענ זשאבעס מיט די פליגל,
קוואקענ הענער אפנ דאכ.

ווי ער פאַרט אזוי, דערזעט ער,
שטייט אנ אלטער, גראַבער דעמב,
זיצט א קאטשקע אינ די בלעטער,
אויסגעצוואַגנ אונ פארקעמט.

— ליבע קאטשקע, א גוט מאַרגנ,
נא דיר לעקעכ צוקער־זיס. —
האָט די קאטשקע זיכ דערוואַרגנ
אונ האָט אויסגעשטרעקט די פיס.

צוגעלייגט איר וואליעריאנקע,
אײַנגעגעבנ א קאָמפרעס,
איצטער דארפ מענ שטעלנ באנקעס,
איז דער פעלדשער אינ אָרעם.

— וויאָ, מײַנ קאטשקע, פיר מיכ טייקעפ
צומ אפטייקער לאָמפאָמפיר!
כ'גיב א גראָשנ פאר א פראָשעק,
פאר א פלאסטער גיב איכ פיר.

ווי זיי קומענ הינטער ביסלעוו,
שטייט א שטיבעלע באמ וועג,
מיט א בייגעלע פארשלאָסנ,
מיט א לאטקע צוגעדעקט.

באלד איז לייבל צוגעפלויגנ,
און דאָס בייגעלע — א בראָכ,
עסט אופ לייבעלע דעמ בייגל,
און דאָס קאטשקעלע — די לאָכ.

טוט דאָס קאטשקעלע א גענעצ,
און דער לעקעכ פאלט ארויס.
גייט א קלאנג, אז בא דער גרענעצ
ז'די מילכאָמע זייער גרויס.

דער קאָלבאסניק און דער טערעק
מיטנ טיווערייווער באָק
האָבנ נעכטנ זיכ צענעריקט
פאר אנ אייגל פונ א זאָק.

אז דער פלאָקנשיסער אבע
ט'זיכ דערוווּסט אזאָ מינ זאכ,
האָט ער אָנגעשאָטנ טאבעק
אינעמ קוימענ אפנ דאכ.

און דער קוימענ הייבט אָנ שיסנ,
און סע צינדט זיכ אָנ דער שניי,
און דער אוילעמ הייבט.אָנ ניסנ —
ווערט א טומל, א געשריי.

קראָענ קוואקענ, זשאבעס קראקענ,
הירזשענ ציגנ, מעקענ פערד,
קינדער סקריפענ, טירנ כליפענ, —
האָט עס לייבעלע דערהערט.

כאַפּט ער אינדערגיך דעם קאַשעק,
פאָרט אַרייַן קיין אַרמאַוויר,
פּאַקט אַ הירזשע פון אַ לאַשעק
און אַ סקריפּע פון אַ טיר.

לויפט ער, פליט ער פייַל פון בויגן:
— כ'האָב געבראַכט!
כ'האָב געבראַכט!
ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן —
כ'האָב פון קאָפּ עס אויסגעטראַכט.



א לידעלע פון ריטענ

אלט איז ריטע
צוויי, דאָס דריטע,
העלפּט דער באָבענ
באַ דער פּליטע.

קלײַבט פּאַסאָליעס,
קײַט אַנ עפּל,
נעמט די שאָלעכצ,
ווארפט אינ טעפּל.

טוט א כאפּ
א שטיקל לעבער,
שווענקט עס אָפּעט
אינעם צעבער.

לויפט אינ קאמער,
ברענגט א שפּענדל,
גיסט אָנ עסיק
אינעם פּענדל.

מישט די קאשע
מיטנ לעפל,
שיט אריַינ
א זשמעניע פּעפּער.

שריַיט די באָבע:
— ריטע, ניטע!
מאכסט א טעל דאָב
פונעם מיטעק!

בלאָזט אָנ ריטע
א פּאָר באקנ:
— כ׳האָב געוואָלט,
ס׳זאָל זיַינ געשמאקער...

בא אונדז אין גערטעלע

באַ אונדז אין גערטעלע
איז דאָ אַן ערטעלע
מיט גראָז מיט פּליושענעם —
אַזוי די הייך.

כ׳האָב ליב דאָס ערטעלע
אין אונדזער גערטעלע,
אַ גאָלדן ערטעלע —
סע קיל און ווייך.



מייטע דער קאַלטער,
אָט גייט ער, אָט פאַלט ער

אָט א מייטע
אָט א קאַלטער,
אָטאָ גייט ער,
אָטאָ פאַלט ער.

אײַנגעקוטעט, אָנגעפּרינדעט
אונ געפּענטעט זיכ אינ שאַלנ —
ניטע, טשעפּעט אימ ניט, ניטע:
ט־ט־אָטאָ־אָ ט׳ער פאַלנ!

— היי, כאוויירים מוליערס,
ווארט נאָר א מינוט,
כ׳וויל אײַך עפּעס בעטן,
זײַט אזויפיל גוט.

עפּשער קענט איר מויערן
אַן אויוונ צו די אויערן,
א הרובע צו די ליפּן,
סע זאָל אזוי ניט ציפּן?

היי, כאוויירים קירזשנערס,
נעמט אַראָפּ א מאָס
און נייט מיר אופּ א היטעלע
אפּ מײַנ בלויער נאָז.

חיקלט מיך אינ פּעלצן,
כ׳וועל פאַרפרוירן, גוואלד!
ברררר... בררר...
קאַלט!



שניי־באבע

ט'איז א באבעציע פון שניי,
אויגן שווארצע האָט זי צוויי,
און א מויל פול מיט קויל,
און א קרומע נאָז א קליינע,
און קיין אויערן — קיין איינעם.

איז דער באבע זייער שלעכט,
און די באבע איז גערעכט —
טוט זי נעבעך טרויערן:
— וווּ נעמט מען א פּאָר אויערן?

אפנ גליטש

אז דער טאָג איז פריש און ליכטיק,
אז דער שניי איז קלאָר און ציכטיק,
אז דאָס אײַז איז, ווי א שפיגל, —
איז א גרויסער פאַרגעניגנ
אפ די גליטשערס זיכ א טראָג טאָג,
אפנ גלאטנ אײַז א יאָג טאָג,
קונצנ קונציקע צו ווײַזנ,
מאכנ „שוועלבעלעכ“ און קרײַזנ,
מיט די הענט אויכ צעפאַכענ,
אז די בלוטנ וואַלנ קאָכנ,
אז דאָס הארצ זאָל גיכער קלאפנ.

אז דעם אָטעם זאָל פֿארכאפּן,
אז די ביינער זאָלן קנאקן,
אז די באקן
זאָלן פֿלאמען, —
איך האָב ליב א גליטש אוזאמין!

דער וואָלף און דער הונט

(א מאָשל)

א וואָלף, אַן אויסגעמאָגערטער, אַן אויסגעצערטער,
ט'זיך אָפּ דײַנ פֿינצטער מאָל פֿאַר א הונט באַקלאָגט:
„מײַן ליבער [illegible]נט, — האָט ער געזאָגט, —
ס'איז גאָר [illegible]צומאָלן דיר מיט ווערטער,
ט
עס איז מיר שלעכט אצינד די צײַט!
איך וויל ניט קיין געבראָטנס, קיין דעליקאַטעסן,
דעם טאַם פֿון שאָפֿן־פֿלייש האָב איך שוין לאַנג, שוין לאַנג
פֿאַרגעסן...
איך גײ אום שלינג און שלאַנג,
א סעכער, א קאַרטאָפֿליע זאָריך בא מיר אַן עסן.
אַז אומעטום,
וווּהין איך קום, —

אי ניט קיין שלאָס, איז שטייט א בייזער הונט, א פאסטעכ.
וואָס קאָן מען טאָן ?
איך האָב אַן אנדער ברירה ? פאסטט איך !..”
„דו ווילסט מיך פאָלגן ? — רופט זיך יענער אָן. —
באשטעל זיך ערגעץ פאר הונט... זאָל מיר דאָס שאטן...
מע היט די שטוב, דעם הויף, די שטאל.
ס'איז עמעס, בילן בילט מען מיט דער גרינער גאל,
מע לעבט אָבער א טאָג א זאטן.
ס'איז גראָד פאר דיר אין דאָרף א באלעבאָס פאראן.”
„כ'בין מאסקים, — זאָגט דער וואָלף, — ס'א פלאן !”
„איז קום, איך וועל דיך אפ א גאָלדן פלאץ באשטאטן !”
און ביידע האָבן זיך געטאָן א וואָרף
- צום דאָרף
געשמיַדיק און פארסאפעט.
„איך בעט דיך, וואָס איז דאָס דער האלדז בא דיר צעדראפעט !”
האָט בא דעם הונט דער וואָלף אינמיטן וועג
געטאָן א פרעג.
„א קאפל אָנגעמוליעט פון דער קייט, ס'איז בלאָטע...”
„פארבלייַב געזונט,
— האָט אָנגערופן זיך דער וואָלף צום הונט : —
איך האָב כאראָטע.
דו קאָנסט דיר גיין צום באלעבאָס געזונטערהייט,
מיט זיינע גוטע קעסט זיך קוויקן.
איך בין דיר מויכל אלע דיינע גליקן,
איך בין דיר מויכל אפן האלדז די קייט.
כ'וועל פאר א שטיקל ברויט מיין פרייַהייַט ניט פארקויפן”.
געזאָגט און באלד צוריק צום וואלד געלאָזט זיך לויפן.

דער לייב, די וואָלפּעכע און דער האָז

(א מאָשל)

„די כּייעס בעבען דאָרטן... מיינסט, איך גלייב?"
האָט זיך אָנגערופן די וואָלפּעכע צום לייב:
„אז דו האָסט קלוימערשט מיט א כאַזער זיך געטראָפן,
האָסטו זיך אויסגעקערעוועט און ביסט אנטלאָפן..."
„ס'א גוזמע", זאָגט דער לייב: „איך בי[illegible]יעק,
קעדיי זיך מיטן כאַזער אויסצומיידן.
כאַזיירים טרעט איך שטענדיק אָפּ דעם וועג:
איך קען דאָס קוויטשען זייערס ניט פאַרליידן."
„עס טרעפט", האָט זיך אַריינגעמישט דער האָז: „ס'א נייס?
נעמט מיך אליין — מע דאַרף א שענערן באַוייזן?
איך קען אייך זאָגן,
איך זאָל נאָך אַזוי זיין געזונט,
אז איך דערהער א האַווקע פון א הונט,
אנטלויף איך אויך, ווו די אויגן טראָגן".

פרילינג

שלאָפ איכ מיר אזוי געשמאק —
ווער שפּאַצירט עס אפ מײַנ באק ?
כ'טו א פינטל מיט די אויגנ,
איז א פליג אוועקגעפלויגנ.

ליג איכ מיר אזוי אינ בעט —
ווער ט'עס מיכ געטאָנ א גלעט ?
מיט די אויגנ נאָכ א פינטל :
דאָס איז מײַנ קודלאטע הינטל.

ליג איך מיר אזוי גאנצפרי —
ווער ט'עס מיך געטאָן א ברי?
כ'האָב די וויִעס אופגעהויבן —
קוקט די זון אין אלע שויבן.

אָפּגעריסן קאָפּ פון קישן —
א גוטמאָרגן מיר א פרישן!
מאמע מײַנע, ס'ארא פראכט
ס'האָט דער טאָג מיר הײַנט געבראַכט!

טיר און פענצטער כ'וועל צעפראלן,
קומט ארײַנעט זונען־שטראלן!



מע מעג שוינ

ס׳איז די היץ הײַנט זייער גרויס.
כ׳וויל זיכ בּאָדנ, כ׳האלט ניט אויס!
— וואסער קלאָרע, כאוועր בּרעג,
זאָגט: מע טאָר ניט, צי מע מעג?

רופּט זיכ אָנ דער טײַכ מיט פּרייד:
— ווילסט זיכ בּאָדנ? איכ בּינ גרייט.

רוימט דער בּרעג מיר אײַנ א סאָד:
ווילסט זיכ בּאָדנ? בּאָד זיכ, בּאָד...

האָט א כוואליע זיכ צעלאכט:
— האָסט א גראדוסניק געבּראכט?

טוק זיך, טוק זיך קײַלעכל,
הייב זיך, הייב זיך, זײַלעכל,
העכער, העכער, שטיפערל,
ביז אָט דעם אָ ציפערל.
נאָך א קאפּל, שײנינקער,
אכצנ גראד — ניט װײניקער!
גוט, גוט, װי די װעלט,
בא די אכצנ אָפּגעשטעלט.

איצטער װעט שױנ ניט פארשאטנ,
גיכער קומט זיך באָדנ, יאטנ,
— גי־כע־ער,
מע מעג שױנ!

דער אײזל און דער העלפאַנד

(אַ מאָשל)

דער אײזל האָט דעם לײב זײַן ביטער האַרץ דערצײלט:
„איך האָב, — זאָגט ער, — אַ היפּשן קאָפּ מיט שײנע אויערן,
נאָר מיט פאַרשטאַנד האָט די נאַטור מיך, צום באַדויערן,
ווײַזט אויס, אַ קאַפּעלע פאַרטײלט.
מע זאָגט, איך בין אַ קנאַפּער כאָכעם.
קאָן זײַן. עס איז בײַ אונדז אַזאַ מישפּאָכע.
מע רופט מיך „נאַר", מע לאַכט פון מיר, מע שפּעט.

בין איך געקומען, אײַער מײַעסטעט,
אַ, קייסער, פּאַטער הארציקער, באשיצער..."
„נו האַדיע", מאכט דער לייב: „בעקיצער!
כ'וויל וויסן, וואָס איז דײַן באגער".
דער אייזל האָט געטאָן א זיפץ, געלאָזט א טרער
און אָפּגעענטפערט מיט א כניפּעדיקן שמייכל:
„איך וויל, דער קלוגער העלפאנד זאָל מיך לערנען סייכל".
„דיך לערנען סייכל?" זאָגט דער לייב: „ס'איז גאָר ניט קרום!"
און גיט א רוף דעם העלפאנד גלײַך און טוט א ברום:
„מײַן מײַעסטעט איז ווילגעפעלן,
דער אייזל זאָל ניט זײַן קיין נאַר,
דעריבער טו איך אלערהעכסטנס צו באפעלן,
אז דו, דער העלפאנד, זאָלסט זיך נעמען פארדערפאר.
ס'איז ניט מײַן זאך — מיט גוטן צי מיט בייזן,
דו זאָלסט מיר מאכן, אז דער אייזל
זאָל ווערן קלוג.
א יאָר וועט זײַן דערויף גענוג.
איך מײַן, אז מער באדארף דאָס ניט געדויערן".
אוועק א יאָר,
מע האָט צום לייב געבראכט צו פירן
די פּאָר.
מע טוט א קוק — אַ גרויסער צאָרן!
דער אייזל איז דער זעלבער נאַר, וואָס פאַראַיאָרן.
דער העלפאנד שטייט פארשעמט, פארלוירן, דאר און קוואר,
ער האָט אַפּ זיך אליין אַן אומגליק א געווויגן:
געוואָלט דעם אייזל מאכן פאר א קלוגן,
און ס'האָט דער אייזל אים געמאכט גאָר פאר א נאַר.

דער קאַרגער און דער ניט־פֿאַרגינער

(אַ מאָשל)

אַ קייסער איינעם האָט זיך גלאַט אַזוי פֿאַרוואָלט
אַרויסשיטן אַ ביסל גאָלד.
האָט ער אָוועקגעלאָזט זיך איבער זײַנע מדינות
(אין וואָס פֿאַר אַ מדינות, ווייס איך ניט גענוי),
באַגעגנט ער אַ קאַרגן און אַ ניט־פֿאַרגינער
און רופֿט זיך אָן צו זיי אַזוי:
„איר קענט בײַ מיר הײַנט פֿוילן אַלץ, וואָס איר וועט בעטן".
דערבײַ
האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ תּנאַי,
אַז איינער בלויז פֿון זיי זאָל רעדן:
זאָל איינער זאָגן, וואָס ער וויל,

באקומט ער טייקעפ, אָנ דעמ מינדסטנ אָפּהאלט,
דער צווייטער וועט באלוינט ווערנ געדאָפּלט,
דאָס הייסט, ער וועט באקומענ צוויי מאָל אזויפיל.
דער קארגער שווייַגט אונ טראכט: אזא צעדרייטער!
זייַנ מייַעסטעט איז הייַנט, אפּאָנעמ, ניט אליינ.
מע גיט, באדארפ מענ נעמענ... נאָר איכ קאָנ באשטיינ,
אז איכ זאָל זייַנ דער צווייטער.
דער ניט־פארגינער האָט זיכ נידעריק פארנויגט:
„איכ בעט ניט נישט קיינ גאָלד אונ נישט קיינ רייַכע קליידער —
איכ בעט דיכ, קייסער, שטעכ מיר אויס אנ אויג,
נאָר יענעמ — ביידע!"

אינהאלט

	זייט
וואָס זאָל איך ווערן	3
טרעט א ראָטע רויטארמייער	5
דער פּראָזשעקטאָר	7
כ'האָב קיין רעכן	8
קראַקעוויאַקע	11
זאַנגעלעך געקליבן	24
די מלחמה צווישן די פייגל מיט די מייז	27
דער פּאַסטעך און דער וואָלף	30
וואָס שווייגט מען	32
ווער ס'האָט ליב צוקערקעלעך	33
איך וויל אייך עפּעס זאָגן	35
אַלע וויסן	36
א לידעלע פון ניורען, וויאַזוי זי שרייבט	38
בא מיין באָבע פייגל־העניע	40
דער קרעפּס און דאָס קרעפּסעלע	42
העשל און מעשל און לייבל מיט כאָנען	43
דאָס פּאָרל	45
כ'גיי איר נאָך	47
שלוימע־בער	48
מיאו	49
איידל ־ איידעלע, געפּאַצקעט מיידעלע	50
אָך און וויי	52
וויאַזוי א בערעלע האָט זיך אָנגעגעסן מיט האָניק	54
עסטע די פּעסטע	57
ניאָצע ראָכעס אפּצעלאָכעס	59
יִנגל ־ צינגל ־ פּלוידערזאַק	61
בוליע	63
דאָס גלעקל	71
א לידעלע, אז מע שניצט א בלייער	72
א לידעלע, אז מע מעקט מיטן מעקער	73
שוועבעלעך	75

זײַט

אינ שאשקעם 76

א פלוידער - מײַסע 78

א לידעלע פונ ריטענ 83

בא אונדז אינ גערטעלע 85

מיטע דער קאלטער, אט גייט ער, אט פאלט ער . . . 86

שניי - באבע 88

אפנ גליטש 89

דער וואלפ אונ דער הונט 91

דער לייב, די וואלפעכע אונ דער האז 93

פרילינג 94

מע מעג שוינ 96

דער אייזל אונ דער העלפאנד 98

דער קארגער אונ דער ניט־פארגינער 100

Редактор: Г. Жиц
Худ. редактор: Ю. Яхніс.
Техредактор: З. Вортман
Коректор: Ш. Мейдман

„Укрдержнацменвидав". Рукопис № 619 БФ. 1812. Зам. № 505/1. Друк. арк. 6½
Папер. арк. 3¼ Обл.-авт. арк. 3,09. Формат паперу 70×92. 1/16. Здано на виробництво 3. X. 1940. Підписано до друку 22. XI. 1940.

3-тя Друкарня УПТ., Львів, Ліндего 4.

Тираж 2000.

Якщо в цій книжці будуть дефекти, просимо повернути її для заміни на адрес:
3-тя Друкарня УПТ. Львів, вул. Ліндего 4.

ЦІНА 2 крб.

Єврейською мовою

Б. Гутянський

ДЛЯ ДІТЕЙ

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ